# גליון בת עין

דבר השוה לכל נפש

אידיש

גליון קלה • שנה ג

פרשת בה"ב

תשפ"ו


## פארווארט

דער באבובער רב זצ"ל דער קדושת ציון ברענגט א אינטערעסאנטע געדאנק אין פרשת עקב אויף די פסוק ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם – לא תחסר כל בה, טייטשט ער דארט אז כדי זיך צו באהעפטן צו די קדושה פון די מאכלי ארץ ישראל האבן די יודן זיך אפגעהאלטן פון עסן אלע מותרות און איבריגע עסן און האבן זיך באגענוגט מיט ברויט, אבער נישט צוליב ארימקייט אדער ווייל ס'איז נישט געווען צו עסן בהרחבה, נאר אדרבה, ארץ ישראל איז געווען א לאנד וואס 'לא תחסר כל בה', ס'האט גארנישט געפעלט אין איר. און דורך עסן די פירות ארץ ישראל בקדושה האבן די יודן זיך מקשר געווען מיט די קדושת ארץ ישראל.

אין די קומענדיגע תורה ווען מיר זעהן ווי דער בת עין גייט ארויסברענגען די כח הקדושה וואס ליגט אין די פירות ארץ ישראל, און ווי אזוי אונז האבן די מעגליכקייט זיך מדבק זיין אין איר קדושה אפילו אין חוץ לארץ און נישט נאר שבת נאר אויך אין פשוטע וואכן טעג. ונאכל מפריה ונשבע מטובה ונברכך עליה בקדושה ובטהרה.

## תוכן התורה


[א] לשון הפסוקים. / א דיוק אין די סדר הפסוקים/ וואס איז די תורה מרמז מיט די קשיא 'וכי תאמרו מה נאכל.

[ב] פארוואס האט השי"ת באשאפן אז א מענטש זאל מוזן עסן און טרינקען./ די טעם פארוואס דער באשעפער האט געוואלט א מענטש זאל עסן. / דורך די שבעת המינים איז דער מענטש ממשיך אויף זיך א קדושה.

[ג] די כוונה פונעם פסוק 'וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל'. / די קדושה פון פירות ארץ ישראל און די עסן פון שבת. / צוויי בחינות אין עבודת השי"ת, תורה ומצות / אכילה ושתיה. / השי"ת זאגט פאר די יודן אז פירות ארץ ישראל האט אין זיך די קדושה פון שבת.


## [א]

### לשון הפסוקים

### פָּרָשַׁת בְּהַר[א]

וַיְדַבֵּר ה' וְגוֹ'[ב]. און דער אייבישטער האט גערעדט [צו משה אויף דעם בארג סיני זאגענדיג אזוי:].

> וַיְדַבֵּר ה' וְגוֹ', דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְגוֹ' וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה', שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ וְגוֹ'.

דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְגוֹ' וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'. רעד צו די יודישע קינדער [און איר זאלט זאגן צו זיי אז ווען איר וועט קומען צו דעם לאנד וואס איך גיב פאר אייך] זאל די ערד רוען א רואינג פאר דעם אייבערשטן.

שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ וְגוֹ'. זעקס יאר וועסטו מעגן איינזייען דיין פעלד און זעקס יאר וועסטו מעגן אפשניידן די שלעכטע צווייגן פון דיין וויינגארטן און דו וועסט אריינברענגען איר תבואה פאר דיר.

---

**א.** אזוי ווי אונז האבן אראפגעברענגט די לשון הפסוק און די קשיות פון די ערשטע תורה אין די פרשה האבן מיר עס אנגעצייכנט מיט די גרעי קאליר כדי אויפמערקזאם צו מאכן אז דאס איז נישט ממש א חלק פון אונזער תורה וואס אונז גייען יעצט לערנען און הייבט זיך אן מיט די ווערטער **אוֹ יֵאָמַר לְתָרֵץ קוּשְׁיָא הַנַּ"ל**, נאר וויבאלד דער בת עין באציט זיך דא צו די קשיות פון די פריעדיגע תורה, האבן אונז לתועלת הענין דא אריינגעלייגט די אנפאנג פון די ערשטע תורה (די פסוקים מיט די קשיא) כדי אז דער וואס לערנט די תורה זאל האבן פאר זיינע אויגן די סדר הפסוקים און די קשיא.

**ב.** די לשון הפסוקים גייט אזוי: **וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּהַר סִינַי לֵאמֹר. דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'. שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְמֹר כַּרְמֶךָ וְאָסַפְתָּ אֶת תְּבוּאָתָהּ.**

> וְיֵשׁ לְדַקְדֵּק לָמָּה הִקְדִּים הַכָּתוּב 'וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ' קוֹדֶם 'שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע', אִיפְּכָא הֲוָה לֵיהּ לִכְתּוֹב, מִתְּחִילָּה 'שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע' וְגוֹ' וְאַחַר כָּךְ יִהְיֶה הַשְּׁמִיטָּה 'וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ' וְגוֹ'.
>
> אוֹ יֵאָמַר לְתָרֵץ קוּשְׁיָא הַנַּ"ל.
>
> גַּם יֵשׁ לְדַקְדֵּק בַּפָּסוּק 'וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית וְגוֹ', וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי' וְגוֹ', וְלִכְאוֹרָה אֵינוֹ מוּבָן מַה שֶּׁהוּא בִּלְשׁוֹן קוּשְׁיָא, שֶׁאֵינוֹ דֶּרֶךְ הַכָּתוּב.
>
> וּלְהָבִין כָּל זֶה צָרִיךְ לְהָבִין מִקּוֹדֶם עִנְיַן בְּרִיאַת הָאָדָם שֶׁאֵין לוֹ קִיּוּם רַק עַל יְדֵי אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה. שֶׁלִּכְאוֹרָה אֵינוֹ מוּבָן לָמָּה בָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא

## א דיוק אין די סדר הפסוקים

**וְיֵשׁ לְדַקְדֵּק לָמָּה הִקְדִּים הַכָּתוּב 'וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ' קוֹדֶם 'שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע'** און מען דארף פארשטיין פארוואס האט די תורה קודם געזאגט די פסוק פון וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ 'אז די ערד זאל רוען' פאר די פסוק פון שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע - אז 'זעקס יאר וועסטו מעגן איינזייען', **אִיפְּכָא הֲוָה לֵיהּ לִכְתּוֹב** די סדר הפסוקים וואלט געדארפט שטיין פארקערט, **מִתְּחִילָּה 'שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע' וְגוֹ' וְאַחַר כָּךְ יִהְיֶה הַשְּׁמִיטָּה 'וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ' וְגוֹ'**[ג] קודם וואלט געדארפט שטיין די פסוק פון 'שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע' און דערנאך וואלט געדארפט שטיין וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ.

*

## וואס איז די תורה מרמז מיט די קשיא 'וכי תאמרו מה נאכל'

**אוֹ יֵאָמַר לְתָרֵץ קוּשְׁיָא הַנַּ"ל**[ד]. אדער קען מען זאגן א נייע פשט אין די אויבענדערמאנטע פסוקים צו פארענטפערן די אויבענדערמאנטע קשיא.

**גַּם יֵשׁ לְדַקְדֵּק בַּפָּסוּק 'וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית וְגוֹ'**[ה] אויך דארף מען פארשטיין פשט אין פסוקים ווי די תורה זאגט 'טאמער וועט איר זאגן (און זיך זארגן) אין דעם זיבעטן יאר וואס וועלן מיר עסן' [אונז וועלן דאך נישט איינזייען און אריינברענגען אין אונזער שטוב די תבואה], **וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי' וְגוֹ'**[ו] און דערפאר זאגט אונז די תורה 'און איך וועל באפעלן מיין בענטשונג פאר אייך' [אין דעם זעקסטן יאר און זי וועט מאכן תבואה וואס וועט זיין גענוג פאר די דריי יאר].

**וְלִכְאוֹרָה אֵינוֹ מוּבָן מַה שֶּׁהוּא בִּלְשׁוֹן קוּשְׁיָא שֶׁאֵינוֹ דֶּרֶךְ הַכָּתוּב**, און לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס די פסוק רעדט מיט די שפראך פון א קשיא 'אויב עטץ וועט פרעגן וואס וועלן מיר עסן אין די זיבעטע יאר' וואס דאס איז נישט די דרך פון די תורה אויסצושמועסן א פראגע אין די תורה.

## [ב]

## פארוואס האט השי"ת באשאפן אז א מענטש זאל מוזן עסן און טרינקען

**וּלְהָבִין כָּל זֶה** צו פארשטיין דאס אלעס, **צָרִיךְ לְהָבִין מִקּוֹדֶם עִנְיַן בְּרִיאַת הָאָדָם שֶׁאֵין לוֹ קִיּוּם רַק עַל יְדֵי אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה** דארפן אונז קודם פארשטיין דאס וואס דער באשעפער האט באשאפן דעם מענטש זאל נישט קענען עקזעסטירן נאר דורך עסן און טרינקען.

**שֶׁלִּכְאוֹרָה אֵינוֹ מוּבָן לָמָּה בָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הָאָדָם שֶׁיִּהְיֶה מוּכְרָח לִדְבָרִים גַּשְׁמִיִּים** ווייל אויבן אויף איז עס נישט צו פארשטיין פארוואס האט דער באשעפער באשאפן דעם מענטש אז ער

---

ג. ווייל קודם אקערט מען די פעלד און דערנאך רוהט מען די זיבעטע יאר.

ד. לויט די רשימה פון די כתבי יד איז די תורה געזאגט געווארן אין חוץ לארץ.

ה. די לשון הפסוק איז: **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף אֶת תְּבוּאָתֵנוּ.**

ו. די לשון הפסוק איז: **וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית וְעָשָׂת אֶת הַתְּבוּאָה לִשְׁלֹשׁ הַשָּׁנִים.**

אֶת הָאָדָם שֶׁיִּהְיֶה מוּכְרָח לִדְבָרִים גַּשְׁמִיִּים, דְּהַיְינוּ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, וּבִפְרָט כִּמְעַט שֶׁעַל יְדֵי זֶה עוֹבֵר אָדָם כַּמָּה עֲבֵירוֹת, וְאֵינוֹ יָכוֹל לַעֲבוֹד אֶת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא בִּתְמִידוּת כָּל כָּךְ בְּלִי הֶפְסֵק עַל יְדֵי טִירְדַּת הַפַּרְנָסָה.

אַךְ נוּכַל לְהָבִין כָּל זֶה עַל דֶּרֶךְ הָעֲבוֹדָה, דְּהִנֵּה עִיקַּר כַּוָּונַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ בַּאֲשֶׁר בָּרָא בְּחִינַת אֲכִילָה הָיָה רַק בִּשְׁבִיל בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֵחֲמַת שֶׁפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם קְדוּשָּׁה כָּל כָּךְ כְּשֶׁאָדָם אוֹכֵל מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם שִׁבְעַת הַמִּינִים שֶׁנִּשְׁתַּבְּחָה בָּהֶן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְאוֹכֵל אוֹתָם בִּקְדוּשַּׁת הַגּוּף מְעוֹרֵר ז' מִדּוֹת הָעֶלְיוֹנִים[א], וְנִקְשָׁר וְנִדְבָּק לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עִילָּאָה, וּבָא לִבְחִינַת 'וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹהֵיכֶם חַיִּים' וְגוֹ' (דברים ד, ד).

וְלִבְחִינַת אֲכִילָה זוֹ צְרִיכִים לִכְסוֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק מְאוֹד, שֶׁעִיקַּר בְּרִיאַת הָאֲכִילָה הָיָה בִּשְׁבִיל זֶה, כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי

א. עיין מש"כ בזה בלקוטי תורה להאריז"ל פרשת עקב עה"פ ארץ חטה ושעורה וגפן וכו'.

זאל מוזן צוקומען צו גשמיות'דיגע זאכן, **דְּהַיְינוּ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה** וואס דאס איז עסן און טרינקען.

**וּבִפְרָט כִּמְעַט שֶׁעַל יְדֵי זֶה עוֹבֵר אָדָם כַּמָּה עֲבֵירוֹת** און ספעציעל אז דורכדעם וואס דער מענטש דארף צוקומען צו די אלע גשמיות'דיגע זאכן איז א מענטש עובר אסאך עבירות, **וְאֵינוֹ יָכוֹל לַעֲבוֹד אֶת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא בִּתְמִידוּת כָּל כָּךְ בְּלִי הֶפְסֵק עַל יְדֵי טִירְדַּת הַפַּרְנָסָה** און מען קען נישט שטענדיג דינען דעם באשעפער אן קיין אפשטעל צוליב דאס וואס מען איז אזוי פארנומען מיט די פרנסה און מען ווערט מען כסדר געשטערט.

## די טעם פארוואס דער באשעפער האט געוואלט א מענטש זאל עסן

**אַךְ נוּכַל לְהָבִין כָּל זֶה עַל דֶּרֶךְ הָעֲבוֹדָה** נאר אונז קענען דאס אלעס פארשטיין אויף די וועג פון עבודה, **דְּהִנֵּה עִיקַּר כַּוָּונַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ בַּאֲשֶׁר בָּרָא בְּחִינַת אֲכִילָה** ווייל די עיקר כוונה פארוואס השי"ת האט באשאפען די בחינה פון עסן, **הָיָה רַק בִּשְׁבִיל בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** איז געווען נאר וועגן די בחינה פון 'ארץ ישראל'.

## פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

**מֵחֲמַת שֶׁפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם קְדוּשָּׁה כָּל כָּךְ** ווייל פירות ארץ ישראל האט אין זיך אזא גרויסע קדושה, **כְּשֶׁאָדָם אוֹכֵל מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם שִׁבְעַת הַמִּינִים שֶׁנִּשְׁתַּבְּחָה בָּהֶן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** ווייל ווען א מענטש עסט פון פירות ארץ ישראל וואס דאס איז די 'שבעת המינים' וואס מיט דעם איז ארץ ישראל געלויבט געווארן, **וְאוֹכֵל אוֹתָם בִּקְדוּשַּׁת הַגּוּף** און ער עסט זיי מיט א הייליגקייט און א ריינקייט, **מְעוֹרֵר ז' מִדּוֹת הָעֶלְיוֹנִים**[ז] איז ער מיט דעם מעורר די זיבן העכערע מידות וואס זענען מרומז אין הימל.

**וְנִקְשָׁר וְנִדְבָּק לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עִילָּאָה** און דורך דאס עסן ווערט ער אנגעקניפט און אנגעבינדן צו א העכערע הייליגקייט, **וּבָא לִבְחִינַת 'וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹהֵיכֶם חַיִּים' וְגוֹ'**[ח] (דברים ד, ד) און דורכדעם קומט ער אן צו די העכערע בחינה פון זיין באהאפטן צום באשעפער וואס די פסוק זאגט 'און עטס וואס זענט געווען באהאפטן אין דער אייבישטער ענקער באשעפער[ט] איר לעבט אלע היינט'.

## דורך די שבעת המינים איז דער מענטש ממשיך אויף זיך א קדושה

**וְלִבְחִינַת אֲכִילָה זוֹ צְרִיכִים לִכְסוֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק מְאוֹד** און צו די בחינה פון עסן דארף א מענטש זייער שטרעבן און גלוסטן צוקומען דערצו, **שֶׁעִיקַּר בְּרִיאַת הָאֲכִילָה הָיָה בִּשְׁבִיל זֶה** ווייל די עיקר

ז. אין כתבי האר"י ז"ל איז מבואר אז די 'שבעת המינים' זענען מרמז צו די זיבן מידות: חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות, וואס די זיבן מידות האבן א שורש אויבן אין הימל, און ווען א מענטש איז מעורר די 7 מידות אין הימל קומט אראפ א קדושה אויף די זיבן מידות פונעם מענטש.

ח. די לשון פון די פסוק איז: **וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹהֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם.**

ט. און ווי די רלב"ג איז מסביר איז די כוונה פון די פסוק אז זיין באהאפטן (דביקות) מיינט 'נישט נאכגעשלעפט געווארן נאך די זינד'.

באשאפען פון די עסן איז געווען צוליב די בחינה, **כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי אֲכִילָה יִהְיֶה קָשׁוּר וְדָבוּק בִּבְחִינַת קְדוּשָּׁה** כדי אז דורך די בחינה פון עסן זאל ער זיין באהאפטן צו די בחינה פון קדושה, **וּלְעוֹרֵר שִׁבְעָה מִדּוֹת עֶלְיוֹנוֹת**' און צו דערוועקן די זיבן העכערע מידות.

**אֲבָל בְּלֹא בְּחִינַת אֲכִילָה מִקְדוּשַּׁת ז' הַמִּינִים מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** אבער אן די בחינה פון עסן פון די הייליגע ז' מינים פון פירות ארץ ישראל, **הָיָה קָשֶׁה מְאוֹד לִידָבֵק בִּבְחִינַת קְדוּשָּׁה** וואלט געווען זייער שווער זיך צו באהעפטן אין די בחינת קדושה, **לְעוֹרֵר שִׁבְעָה מִדּוֹת עֶלְיוֹנִים** צו דערוועקן די זיבן העכערע מידות.

אֲכִילָה יִהְיֶה קָשׁוּר וְדָבוּק בִּבְחִינַת קְדוּשָּׁה, וּלְעוֹרֵר שִׁבְעָה מִדּוֹת עֶלְיוֹנוֹת.

אֲבָל בְּלֹא בְּחִינַת אֲכִילָה מִקְדוּשַּׁת ז' הַמִּינִים מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָיָה קָשֶׁה מְאוֹד לִידָבֵק בִּבְחִינַת קְדוּשָּׁה, לְעוֹרֵר שִׁבְעָה מִדּוֹת עֶלְיוֹנִים.

וְזֶהוּ 'וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף', הַיְינוּ כְּשֶׁלֹּא נִזְרַע וְלֹא נֶאֱסֹף וְלֹא יִהְיֶה לָנוּ מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לֶאֱכוֹל, בְּאֵיזֶה בְּחִינָה נוּכַל לְעוֹרֵר בְּחִינַת שִׁבְעָה מִדּוֹת עֶלְיוֹנוֹת הַקְּדוֹשִׁים.

עַל זֶה אָמְרָה הַתּוֹרָה 'וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית', כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם לֶאֱכוֹל מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, לִידָבֵק עַל יָדָם לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה.

הָעוֹלֶה מִכָּל מַה שֶּׁכָּתַבְנוּ, שֶׁבְּחִינַת אֲכִילָה זֶהוּ עֲבוֹדוֹת הַגָּדוֹל לִידָבֵק עַל יָדָהּ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה עַל יְדֵי פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

[ג]

## די כוונה פונעם פסוק 'וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל'

**וְזֶהוּ 'וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף'** און דאס מיינט די פסוק מיטן פרעגן 'אז עטס וועטס זאגען אינעם זיבעטן יאר וואס וועלן מיר עסן? אונז וועלן דאך נישט איינזייען און איינזאמלען', **הַיְינוּ כְּשֶׁלֹּא נִזְרַע וְלֹא נֶאֱסֹף וְלֹא יִהְיֶה לָנוּ מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לֶאֱכוֹל** די פסוק מיינט צו זאגען אז ווען אונז וועלן נישט אנזייען און איינזאמלען וועלן אונז דאך נישט האבען פון די פירות ארץ ישראל, **בְּאֵיזֶה בְּחִינָה נוּכַל לְעוֹרֵר בְּחִינַת שִׁבְעָה מִדּוֹת עֶלְיוֹנוֹת הַקְּדוֹשִׁים**[יא] און מיט וועלכע בחינה וועלן אונז קענען מעורר זיין די בחינה פון די זיבן העכערע און הייליגע מידות.

### 'וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי'

**עַל זֶה אָמְרָה הַתּוֹרָה 'וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית'** און דערפאר האט די תורה געזאגט 'און איך וועל אייך באפעלן מיין ברכה אין די תבואה פונעם זעקסטן יאר', **כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם לֶאֱכוֹל מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** כדי עטץ זאלט'ס קענען עסן אין די זיבעטע יאר פון די פירות ארץ ישראל, **לִידָבֵק עַל יָדָם לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה** כדי זיך צו באהעפטן דורך דעם צו די קדושה עליונה.

## די קדושה פון פירות ארץ ישראל און די עסן פון שבת

**הָעוֹלֶה מִכָּל מַה שֶּׁכָּתַבְנוּ** וואס ס'קומט ארויס פון אלעס וואס אונז האבען געשריבן, **שֶׁבְּחִינַת אֲכִילָה זֶהוּ עֲבוֹדוֹת הַגָּדוֹל לִידָבֵק עַל יָדָהּ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה עַל יְדֵי פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** אז די בחינה פון עסן איז א גרויסע עבודה וואס דורך די 'פירות פון ארץ ישראל' קען מען צוקומען צו א העכערע קדושה.

י. ווי אויבן דערמאנט אז דורך עסן די שבעה המינים איז מען מעורר די 'קדושה' פון די העכערע זיבן מידות.

יא. און מיט דעם איז פארענטפערט די קשיא פונעם בת עין פארוואס האט די תורה אויסגעשמועסט דווקא דא די פראגע און די זארג פון די יודן, נאר די ענטפער איז אז די תורה וויל אונז נישט זאגן אז די יודן האבן זיך געזארגט וועגן די פשוטע עסן, נאר זיי האבן זיך געזארגט ווי אזוי וועלן אונז קומען זיך מדבק זיין אין די כח הקדושה פון די עסן.

וּבְחוּץ לָאָרֶץ בְּחִינַת שַׁבָּת הוּא בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁעַל יְדֵי אֲכִילַת שַׁבָּת יָכוֹל לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה כְּמוֹ עַל יְדֵי אֲכִילַת פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

וּבְחוֹל יָכוֹל לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה גַּם כֵּן עַל יְדֵי הָאֲכִילָה, עַל יְדֵי שֶׁיִּזְכּוֹר תָּמִיד בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

וְזֶהוּ 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּהַר סִינַי לֵאמֹר', הַיְינוּ לוֹמַר לָהֶם שֶׁיֵּשׁ שְׁנֵי בְּחִינוֹת עַבְדוּת ה', אֶחָד שֶׁצָּרִיךְ לַעֲבוֹד אֶת ה' בְּתוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, ב' שֶׁצָּרִיךְ לַעֲבוֹד אֶת ה' בִּבְחִינַת גַּשְׁמִיּוּת גַּם כֵּן, הַיְינוּ עַל יְדֵי אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה.

וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת עַבְדוּת הַנַּ"ל מְרוּמָּזִים בְּתֵיבַת 'הַר סִינַי', שֶׁתֵּיבַת **סִינַי** גִּימַטְרִיָּא ב' פְּעָמִים **אֲדֹנָי**, שֶׁמּוֹרֶה עַל קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם[ב].

**ב.** וב' בחינות קבלת עול מלכות שמים, היינו עבודה בתורה ומצוות, ועבודת ה' בגשמיות ע"י אכילה ושתיה.

## בְּחוּץ לָאָרֶץ - בְּשַׁבָּת

**וּבְחוּץ לָאָרֶץ בְּחִינַת שַׁבָּת הוּא בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** און אין חוץ לארץ די בחינה פון 'שבת' האט אין זיך די בחינה פון 'ארץ ישראל', **שֶׁעַל יְדֵי אֲכִילַת שַׁבָּת יָכוֹל לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה** ווייל דורך די עסן פון שבת קען א מענטש זיך באהעפטן צו די העכערע קדושה, **כְּמוֹ עַל יְדֵי אֲכִילַת פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** פונקט אזוי ווי דורך עסן די פירות פון ארץ ישראל.

## בְּחוּץ לָאָרֶץ - בְּחוֹל

**וּבְחוֹל יָכוֹל לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה גַּם כֵּן עַל יְדֵי הָאֲכִילָה** און אויך אין דער וואכען קען א מענטש צוקומען צו די בחינה פון קדושה דורכן עסן, **עַל יְדֵי שֶׁיִּזְכּוֹר תָּמִיד בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**[יב] דורך דעם וואס דער מענטש וועט שטענדיג געדענקן די בחינה פון 'ארץ ישראל'.

## צוויי בחינות אין עבודת השי"ת, תורה ומצות / אכילה ושתיה

**וְזֶהוּ 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּהַר סִינַי לֵאמֹר'**[יג] און דאס איז וואס די פסוק זאגט 'און דער אייבישטער האט גערעדט צו משה ביים בארג סיני אזוי צו זאגן', **הַיְינוּ לוֹמַר לָהֶם שֶׁיֵּשׁ שְׁנֵי בְּחִינוֹת עַבְדוּת ה'** דאס מיינט ער זאל זאגען צו די יודען אז ס'איז דא צוויי בחינות אין עבודת השם.

**אֶחָד - שֶׁצָּרִיךְ לַעֲבוֹד אֶת ה' בְּתוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים** די ערשטע בחינה אין עבודת השם איז אז מען דארף דינען השי"ת מיט תורה און מצות און מעשים טובים, **ב' - שֶׁצָּרִיךְ לַעֲבוֹד אֶת ה' בִּבְחִינַת גַּשְׁמִיּוּת גַּם כֵּן** און די צווייטע בחינה אין עבודת השם איז אז מען דארף אויך דינען דעם באשעפער מיט די גשמיות'דיגע באדערפענישן, **הַיְינוּ עַל יְדֵי אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה** דאס מיינט דורך עסן און טרינקען.

## בְּהַר סִינַי

**וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת עַבְדוּת הַנַּ"ל מְרוּמָּזִים בְּתֵיבַת 'הַר סִינַי'** און די צוויי אויבענדערמאנטע בחינות פון עבודת השם זענען מרומז אין די ווערטער 'בהר סיני', **שֶׁתֵּיבַת 'סִינַי' גִּימַטְרִיָּא ב' פְּעָמִים אֲדֹנָ"י** ווייל **די ווארט 'סיני' איז בגמטריא צוויי מאל די הייליגע שם 'אדני', שֶׁמּוֹרֶה עַל קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם**[יד] וואס די שם אדנ"י איז מרמז אויף קבלת עול מלכות שמים.

**יב.** דאס מיינט אז ווען א מענטש וועט געדענקען די הייליגקייט פון דאס עסן די שבעת המינים פון פירות ארץ ישראל און אז דורך דעם איז ער ממשיך א קדושה אויף זיך, איז מיטן געדענקען די בחינה און מיטן ווילען זיך באהעפטן צו די בחינה האט ער א כח אפילו אין אינדערוואכן און אין חוץ לארץ צו דערוועקן און ממשיך זיין אויף זיך די בחינה פון קדושת פירות ארץ ישראל.

**יג.** און ווי באקאנט פרעגן אלע מפרשי התורה (זעה רש"י, רמב"ן ועוד) פארוואס זאגט אונז דא די תורה עקסטער די ווערטער 'בהר סיני', און ווי מיר וועלן באלד זעהן האט דער בת עין א באזונדערע רמז אויף די ווערטער 'הר סיני'.

**יד.** די ווארט אדנ"י שטאמט פון די ווארט 'אדון' א הער, דאס מיינט אז דער מענטש זאל אננעמען אויף זיך די הערשאפט און קבלת עול מלכות שמים פון השי"ת. און צוויי מאל אדנ"י מיינט אז ער זאל נעמען אויף זיך צוויי מאל קבלת עול מלכות שמים, איינס דורך עבודת השי"ת דורך תורה ומצוות, און די צווייטע דורך עבודת השי"ת בגשמיות דורך עסן און טרינקען.

## השי"ת זאגט פאר די יודן אז פירות ארץ ישראל האט אין זיך די קדושה פון שבת

**וְזֶהוּ 'כִּי תָבוֹאוּ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם'** און דאס מיינט די פסוק 'אז עטץ וועט קומען צו די לאנד (ארץ ישראל) וואס איך גיב ענק', **וַאֲכַלְתֶּם מִפֵּירוֹת הָאָרֶץ** און איר וועט דאך עסן פון די פירות פונעם לאנד, **אֲנִי מַזְהִיר אֶתְכֶם שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם בְּחִינַת 'וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'"** איך ווארן אייך אן אז עטס זאלטס האבן די בחינה פון 'די ערד זאל רועהן א ריהונג פארן באשעפער', **הַיְינוּ שֶׁיִּהְיֶה אֶצְלְכֶם אֲכִילַת פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כְּמוֹ אֲכִילַת שַׁבָּת**[טו] דאס מיינט אז דאס עסן די פירות פון ארץ ישראל זאל זיין ביי אייך אזוי ווי די עסן פון שבת.

**הַיְינוּ לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ עַל יְדֵי הָאֲכִילָה לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה** דאס מיינט זיך צו באהעפטן דורך די עסן צו די בחינת קדושה, **וּלְעוֹרֵר שִׁבְעָה מִדּוֹת הָעֶלְיוֹנִים הַקְּדוֹשׁוֹת עַל יְדֵי הַשִּׁבְעָה מִינִים שֶׁנִּשְׁתַּבְּחָה בָּהֶן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**[טז] און דורך די עסן צו דערוועקן די העכערע כח פון די זיבען מידות דורך די שבעה מינים וואס ארץ ישראל איז געלויבט געווארן מיט דעם.

**שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

> וְזֶהוּ 'כִּי תָבוֹאוּ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נוֹתֵן לָכֶם' וַאֲכַלְתֶּם מִפֵּירוֹת הָאָרֶץ, אֲנִי מַזְהִיר אֶתְכֶם שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם בְּחִינַת 'וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'", הַיְינוּ שֶׁיִּהְיֶה אֶצְלְכֶם אֲכִילַת פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כְּמוֹ אֲכִילַת שַׁבָּת.
> הַיְינוּ לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ עַל יְדֵי הָאֲכִילָה לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה וּלְעוֹרֵר שִׁבְעָה מִדּוֹת הָעֶלְיוֹנִים הַקְּדוֹשׁוֹת עַל יְדֵי הַשִּׁבְעָה מִינִים שֶׁנִּשְׁתַּבְּחָה בָּהֶן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.
> שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

**טו.** דאס מיינט די פסוק אנצוזאגן פאר די יודן וואס זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל אז זיי זאלן וויסן אז 'ושבתה הארץ' אז די עסן פון די ארץ ישראל האט די זעלבע קדושה פון 'שבת לד' אזוי ווי אכילת שבת, (וואס מיט די כח פון 'אכילת שבת' קענען די יודן פון חוץ לארץ זיך אויך מדבק זיין מיט קדושת ארץ ישראל).

**טז.** מיט דעם איז פארענטפערט די ערשטע קשיא פון די וואכענדיגע פרשה פארוואס די פסוק האט געטוישט די סדר הפסוקים און זאגט אונז קודם וועגן די ערד זאל רוען (שמיטה) און דערנאך רעדט ער וועגן איינזייען די פעלד. ווייל די פסוק רעדט נישט דא 'וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ' וועגן די מצוה פון שמיטה, נאר עס וויל אונז מרמז זיין וועגן די קדושה וואס ליגט אינעם עסן, אז דורכדעם וואס מען וועט עסן די עסן מיט די קדושה פון שבת וועט מען דערוועקן די כח הקדושה פון די זיבן מידות און מען וועט קענען זוכה זיין צו 'שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ' וגו' אז אפילו די פשוטע וואכענדיגע עסן וועט מען קענען מעורר זיין די זיבן מידות הקדושות און האבן אין די עסן די קדושה פון ארץ ישראל.

# מוסרי בת עין פרשת בהר

## מִדַּת הַבִּטָּחוֹן

[א] וְיֵשׁ לוֹמַר עַל פִּי מַה דְּאִיתָא בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בפרשתן ח"ג קי:) עַל פָּסוּק (תהלים לז, ג) 'בְּטַח בַּה' וַעֲשֵׂה טוֹב שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה', וְאִיתָא בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ בְּטַח בַּה' וַעֲשֵׂה טוֹב כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לְךָ מִשְׁכַּן בָּאָרֶץ, עַד כָּאן. פֵּירוּשׁ עַל יְדֵי בִּטָּחוֹן דַּוְוקָא יִהְיֶה לְךָ קִיּוּם וּמִשְׁכַּן בָּאָרֶץ, כִּי זֶה הָיָה כַּוָּונַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא שֶׁהִכְנִיסָנוּ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּכְדֵי שֶׁתָּחוּל עֲלֵיהֶם קְדוּשַּׁת הָאָרֶץ.

וּבַמֶּה יִהְיֶה לָנוּ קִיּוּם וְשַׁיָּיכוּת עִם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, רַק בְּמִדַּת הַבִּטָּחוֹן, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (בפרשתן כה, יח) 'וִישַׁבְתֶּם עַל הָאָרֶץ לָבֶטַח', פֵּירוּשׁ אֵימָתַי 'וִישַׁבְתֶּם עַל הָאָרֶץ', 'לָבֶטַח' רַק כְּשֶׁיִּהְיֶה לָכֶם בְּחִינַת 'לָבֶטַח', פֵּירוּשׁ מִדַּת הַבִּטָּחוֹן.

[ב] וְעַל יְדֵי הַבִּטָּחוֹן וֶאֱמוּנָה בַּה' שֶׁאֲנַחְנוּ מַאֲמִינִים בַּה' שֶׁהַכֹּל בָּא רַק בִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (תהלים קמה, טז) 'פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן', רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁרַק בִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ הוּא מַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי וְאֵין אֲנַחְנוּ עוֹשִׂים כְּלוּם, וְלָכֵן אֲנַחְנוּ בְּטוּחִים בַּה' יִתְבָּרַךְ שֶׁתָּמִיד יִתֵּן לָנוּ שֶׁפַע וּקְדוּשָּׁה בִּרְצוֹנוֹ הַטּוֹב, אַף עַל פִּי שֶׁאֵין אָנוּ כְּדַאי, וּבְזֹאת הַבְּחִינָה יִהְיֶה לָנוּ קִיּוּם בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הַקְּדוֹשָׁה. וּבְחִינַת הַבִּטָּחוֹן נִקְרָא א', כִּי עַל יְדֵי אֱמוּנָה שֶׁמַּאֲמִינִים שֶׁה' הוּא אֶחָד הַפָּשׁוּט וְאֵין בִּלְתּוֹ, מִמֵּילָא הוּא מַאֲמִין שֶׁהַכֹּל בָּא מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֵין לוֹ לִבְטוֹחַ כִּי אִם בַּה' אֶחָד.

[ג] וְזֶה מְרַמֵּז הַכָּתוּב 'בְּטַח בַּה" וְגוֹ', 'בְּטַח' בְּמִילּוּאוֹ כָּזֶה: 'בֵּית' 'טֵית' 'חֵית' (מִכָּאן וָאֵילָךְ הֶעְתֵּק מִגּוּף כְּתַב יַד קָדְשׁוֹ אַדְמוֹ"ר זללה"ה), וְהִנֵּה הַמִּילּוּאִים שֶׁל אוֹתִיּוֹת בְּטַח הֵם ג' פְּעָמִים **קָדוֹשׁ** (הַיְינוּ הַמִּילּוּאִים בִּלְבָד, בְּלֹא אוֹתִיּוֹת הַשּׁוֹרֶשׁ), הַיְינוּ אוֹתִיּוֹת **ת"י** שֶׁל בֵּי"ת, וְכֵן אוֹתִיּוֹת **י"ת** שֶׁל טֵי"ת, וְאוֹתִיּוֹת **י"ת** שֶׁל חֵי"ת[א], מַה שֶּׁאֵין כֵּן בְּכָל הָאוֹתִיּוֹת.

וְהַשְּׁלֹשָׁה קְדוּשּׁוֹת הֵם בְּחִינַת אָדָם, מַחֲשָׁבָה דִּיבּוּר מַעֲשֶׂה, כִּי כַּאֲשֶׁר יֵשׁ לוֹ בְּחִינַת בִּטָּחוֹן אָז הוּא נִזְהָר בְּיוֹתֵר שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר נֶגֶד רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ חַס וְשָׁלוֹם, וְכֵן בְּדִיבּוּר, וּמַחְשַׁבְתּוֹ פְּנוּיָה לְהִדָּבֵק בְּיוֹצֵר הַכֹּל, וְיָרֵא מֵאִתּוֹ תָּמִיד **[וַיְדַבֵּר ה' וְגוֹ']**.

---

**א.** וראה עוד בספר עוד יוסף חי להבן איש חי פרשת בראשית ד"ה בראשית קטע המתחיל ובאופן אחר נראה לי, ביאור בדברי רבינו בענין זה.

## בְּחִינַת אֲכִילָה

[א] אַךְ נוּכַל לְהָבִין כָּל זֶה עַל דֶּרֶךְ הָעֲבוֹדָה, דְּהִנֵּה עִיקָּר כַּוָּונַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ בַּאֲשֶׁר בָּרָא בְּחִינַת אֲכִילָה הָיָה רַק בִּשְׁבִיל בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֵחֲמַת שֶׁפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם קְדוּשָּׁה כָּל כָּךְ כְּשֶׁאָדָם אוֹכֵל מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם שִׁבְעַת הַמִּינִים שֶׁנִּשְׁתַּבְּחָה בָּהֶן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְאוֹכֵל אוֹתָם בִּקְדוּשַּׁת הַגּוּף מְעוֹרֵר ז' מִדּוֹת הָעֶלְיוֹנִים, וְנִקְשָׁר וְנִדְבַּק לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עִילָּאָה, וּבָא לִבְחִינַת 'וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹהֵיכֶם חַיִּים' וְגוֹ' (דברים ד, ד).

וְלִבְחִינַת אֲכִילָה זוֹ צְרִיכִים לִכְסוֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק מְאוֹד, שֶׁעִיקַּר בְּרִיאַת הָאֲכִילָה הָיָה בִּשְׁבִיל זֶה, כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי אֲכִילָה יִהְיֶה קָשׁוּר וְדָבוּק בִּבְחִינַת קְדוּשָּׁה, וּלְעוֹרֵר שִׁבְעָה מִדּוֹת עֶלְיוֹנוֹת, אֲבָל בְּלֹא בְּחִינַת אֲכִילָה מְקֻדֶּשֶׁת ז' הַמִּינִים מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָיָה קָשֶׁה מְאוֹד לִידָבֵק בִּבְחִינַת קְדוּשָּׁה, לְעוֹרֵר שִׁבְעָה מִדּוֹת עֶלְיוֹנִים.

[ב] וְזֶהוּ 'וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף', הַיְינוּ כְּשֶׁלֹּא נִזְרַע וְלֹא נֶאֱסֹף וְלֹא יִהְיֶה לָנוּ מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לֶאֱכוֹל, בְּאֵיזֶה בְּחִינָה נוּכַל לְעוֹרֵר בְּחִינַת שִׁבְעָה מִדּוֹת עֶלְיוֹנוֹת הַקְּדוֹשִׁים, עַל זֶה אָמְרָה הַתּוֹרָה 'וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית', כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם לֶאֱכוֹל מִפֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, לִידָבֵק עַל יָדָם לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה.

הָעוֹלֶה מִכָּל מַה שֶּׁכָּתַבְנוּ, שֶׁבְּחִינַת אֲכִילָה זֶהוּ עֲבוֹדוֹת הַגָּדוֹל לִידָבֵק עַל יָדָהּ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה עַל יְדֵי פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

וּבְחוּץ לָאָרֶץ בְּחִינַת שַׁבָּת הוּא בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁעַל יְדֵי אֲכִילַת שַׁבָּת יָכוֹל לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה כְּמוֹ עַל יְדֵי אֲכִילַת פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וּבְחוֹל יָכוֹל לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה גַּם כֵּן עַל יְדֵי הָאֲכִילָה, עַל יְדֵי שֶׁיִּזְכּוֹר תָּמִיד בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל **[אוֹ יֵאָמַר לְתָרֵץ]**.

## עֲנָוָה / מִסְתַּפֵּק בְּמִעוּט

[א] וְזֶה הַכְּלָל שֶׁמִּי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת עֲנָוָה בְּוַדַּאי מְמָאֵס בִּדְבָרִים מוֹתָרִיִּים וּמִסְתַּפֵּק בְּמִעוּטוֹ. וְנוּכַל לוֹמַר שֶׁזֶּה פֵּירוּשׁ כַּוָּונַת **הָאֲרִ"י זללה"ה** 'לֵב חָכָם לִימִינוֹ' (קהלת י, ב), פֵּירוּשׁ לָאוֹתִיּוֹת שֶׁקּוֹדֶם 'לֵב' הוּא 'אַף', 'וְלֵב כְּסִיל לִשְׂמֹאלוֹ', פֵּירוּשׁ לָאוֹתִיּוֹת שֶׁאַחַר 'לֵב' הוּא אוֹתִיּוֹת 'גַּם', עַד כָּאן דְּבָרָיו זַ"ל.

וְאֶפְשָׁר לוֹמַר בְּדֶרֶךְ זֶה, דְּהִנֵּה בְּחִינַת עֲנָוָה מְכוּנָּה בְּשֵׁם 'אַךְ' שֶׁהוּא מִיעוּט, כְּמַאֲמַר הַגְּמָרָא (ירושלמי ברכות פ"ט ה"ה) אַכִּין וְרַקִּין מִיעוּטִין הֵן, וּבְחִינַת גַּסּוּת מְכוּנָּה בְּשֵׁם 'גַּם', שֶׁגַּם הוּא רִיבּוּי. וְזֶה הַכְּלָל שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת עֲנָוָה יָכוֹל לָבֹא לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה, וּמֵחֲמַת בְּחִינַת קְדוּשָּׁה אֵינוֹ יָרֵא מֵהַחִיצוֹנִים, וְנַעֲשֶׂה בְּחִינַת דְּרוֹר לְעֵילָא, עַלְמָא דְּחֵירוּת **[כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ]**.

גליון זה נתנדב ע"י
**הר"ר יצחק שמעון עסטרייכער נ"ו**
לע"נ התנא האלקי **רבי שמעון בן יוחאי** זי"ע
לע"נ רבן של ישראל הרמ"א **רבי משה ב"ר ישראל** זי"ע
לע"נ הרה"ק מרימנוב **הר"ר מנחם מענדל ב"ר יוסף** זי"ע
זכות כל הצדיקים וזכות רבינו המחבר יגן בעד הנדבן החשוב
לזכות לכל משאלות לבו לטובה בני חיי ומזוני, אכי"ר

צוליב די נאכפראגע אויף די ביכל **'דער הייליגער בת עין'**
טוען מיר מעלדן אז עס יעצט געווארן נאכאמאל איבערגעדרוקט און עס איז דא צו באקומען אין
**וויליאמסבורג** אין **וויינשטאק'ס ספרים געשעפט** לעבן פאפא ביהמ"ד

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען וועכנטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com